**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באשטימט זשולי לא'פעיוו אלס דירעקטאר פון די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר**

***לא'פעיוו'ס דערפארונג און פירערשאפט צילן די פעיר זאל זיך פארברייטערן און מאכן ווייטערע פארשריט***

גאווערנער קעטי האקול מעלדט היינט פון די איינשטעלונג פון זשולי לא'פעיוו אלס דירעקטאר פון די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר. נאכן דינען אלס דירעקטאר פון די אנפירונגען אין 2023 נאך איידער ווערן געגעבן דעם נאמען צייטווייליגע דירעקטאר אין אנהויב פונעם יאר, דאס אויפנעמען לא'פעיוו שפילט אן אינטעגראלע ראלע אין פארזיכערן ווייטערדיגע פארברייטערונג פונעם פעיר, דערפינערישקייט און קולטוראלע באדייט, אין איינעם מיט געליבטע טראדיציעס און א פאמיליע אטמאספער וואס באצייכנט עס אלס פאפולער יערליכער פארקום אין ניו יארק. לא'פעיוו איז אויסגעוועלט געווארן צו דעם אמט נאך א זוכעניש איבער'ן לאנד וועלכע האט צוגעצויגן פארשידענע הויך-קוואליפיצירטע קאנדידאטן.

"זשולי'ס דערפארונג אלס דירעקטאר פון די אנפירונגען און צייטווייליגע דירעקטאר, צוזאמען מיט איר שעפערישקייט און וויסן, זענען שטארקע אייגנשאפטן פאר'ן פארברייטערונג איבער די יארן און וויטאליטעט פון גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ איר אויפצונעמען אפיציעל אלס די דירעקטאר פון איינס פון אונזער מערסט באליבטע טראדיציעס, און קוקן אויס צו ארבעטן מיט איר צו ווייטער אינוועסטירן און פארברייטערן אט די אויסערגעוויינליכע אויסשטעלונג פון ניו יארק'ס פארמערס, פראדוקטן, קולטור און פארשידענערליי."

אלס צייטווייליגע דירעקטאר, האט לא'פעיוו אנגעפירט די פלענער פון די 2024 פעיר, געהאלפן שאפן דעם מאמענטום און צונויפשטעלן איינס פון די מערסט אייגנארטיגע, דינאמישע, פארוויילונגען פאר פאמיליעס מיט פארשטעלונגען וואס זענען פאר פון קינדער עלטער ביז קינסטליכע גראמי געווינער און באוואוסטע ראק-און-ראל פערפארמער. דערצו, האט לא'פעיוו געארבעט צו אנטוויקלען צענדליגע שעפערישע אטראקציעס וואס ווייזן די וויכטיגקייט פון די סטעיט'ס אגריקולטור באנייאונגען וואס שטארקן ניו יארק'ס עקאנאמיע, טוריזם, און עדיוקעישענאל אונטערנעמונגען. פאר איר ראלע אלס צייטווייליגע דירעקטאר, האט לא'פעיוו געדינט אלס דירעקטאר פון אנפירונגען פון דעם פעיר, זי האט געפירט טאג-טעגליכע אנפירונגען פון די ניו יארק'ס פעיר-באדנ'ס, איבערזיכט אויף קאנטראקטן, באדזשעטן, אויף מער ווי 50 געביידעס צעשפרייט איבער 375 אקערס, און איבער 100 פולע און טייל-צייטיגע שטאב ארבעטער.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריכארד א. באל האט געזאגט,** "זשולי איז אנגעקומען צו די רעכטע פלאץ פון ווען זי האט זיך אנגעשלאסן צו דעם פעיר און זייענדיג א שטארקע פירער, ארבעטנדיג מיט אונזער טאלענטפולע סטעיט פעיר טים צו אנטוויקלען פיל נייע איבערראשנדע אונטערנעמונגען און צו פארזיכערן מיר בלייבן פאקוסירט איבערהויפט און מערסטנס אויף אגריקולטור. זשולי'ס דערפארונג,

געשמאק און געדאנקען גאנג פון באנייאונג האבן שוין געהייבן דעם יאר'ס פעיר, און יעצט, פירנדיג אלס דירעקטאר, בין איך זיכער אז דעם יאר'ס פעיר וועט טאקע זיין איינס מען וועט געדענקען."

**ניו יארק סטעיט פעיר דירעקטאר זשולי לא'פעיוו האט געזאגט,**"איך וואלט נישט געקענט זיין מער איבערראשט צו ווערן דירעקטאר פון די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר און שפילן א ראלע אינעם פארברייטערן א זומער טראדיציע וואס פאנגט די הערצער פון ניו יארק'ערס שוין איבער 175 יאר. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר'ן מיר איפנעמען פאר די וויכטיגע ראלע און צו מיין טים דא ביי די פעיר וועלכע ארבעטן מידלאז צו פארזיכערן אז די וואס קומען צום פעיר פארלאזן איר פילנדיג אז די 2024 פעיר איז געווען איינס פון די בעסטע ביז אהער."

אײדער זי האט זיך איינגעשלאסן אינעם פעיר אין 2023, האט לא'פעיוו געהאט א גוטער נאמען פאר סטראטעגישע פירערשאפט אלס קאמישאנער פון די דעפארטמענט פון פארקן, פארוויילונג און פראגראמען פאר יוגנט אין די שטאט סיראקיוז, ארייננעמיג א אויסגעפרובטע רעקארד פון איבערזיכט אויף גרויסע יערליכע באדזשעטן, פארבעסערונג פראיעקטן פון פיל מיליאנען דאלער, אנפירן ארבעטער און פלאנען, אוואנסירן, און קאארדינאציע פון גאר גרויסע פארקומען. לא'פעיוו האט געשפילט אן אינטעגראלע חלק אין קאארדינירונג און אין די לאגיסטיק פאר צענדליגע גרויסע פארקומען, ארייננעמיג די טעיסט אוו סיראקיוז (Taste of Syracuse), וועלכע פלעגט יעדעס מאל צוציען איבער 100,000 באזוכער איבער א צוויי-טעגיגע פארקום. איר צוגאב פון דערפארונג אין ארבעטן מיט פארוויילונג, צוזאמען מיט איר פירערשאפט אין פארקער מיט פארשידענע בוארדס דורכאויס די צענטראל ניו יארק ראיאן האט איר געגעבן גענוג דערפארונג און פארשטאנד ביים פראדוצירן וועלט-קלאסישע פארקומען אזוי ווי דער פעיר.

דער מעלדונג בויעט אויף גאווערנער האקול'ס אויסגעצייכנטע אינוועסטמענט אין אגריקולטור און פלאן צו שטיצן דאס פארברייטערונג און באנייאונג געלעגנהייטן פאר אלע פעירס אין ניו יארק. די FY24 באדזשעט וואס איז אריין אין קראפט גיט שליסל באצאלונג צו ניו יארק'ס קאונטי פעירס און די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, וועלכע זענען העכסט וויכטיגע באשטאנדטיילן פון אגריקולטור אין ניו יארק וואס פארבינדן דעם ציבור מיט דעם וויכטיגן אינדוסטריע און זיינע טראדיציעס. דער באדזשעט נעמט אריין א 2 מיליאן דאלער אינוועסטירונג אין קאונטי פעירס צו העלפן מעלדן און פארעפנטליכן אויף זיי כדי צו שטיין אין גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארשטארקן די קאארדינירונג צווישן קאונטי פעירס און די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר און צו פארמערן געלעגנהייטן צו פארבעסערן פראגראמען פאר יוגנט און אגריקולטור אונטערנעמונגען ביי אלס פעירס איבער לאנד.

די פעיר הויבט זיך אן מיטוואך, אוגוסט 21, און לויפט ווייטער ביז לעיבאר דעי, מאנטאג סעפטעמבער 2. איינטריט, פארקינג און טיקעטס צום פעיר'ס בארימטע מיטוועי קען מען יעצט קויפן דורכ'ן באזוכן די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר'ס וועבזייט.

איינטריט צום גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר איז פול מיט ווערטפולקייט און גיט צוטריט צו 39 נאציאנאלע רעקארדירונגס. עס וועט פארקומען יעדן טאג 1 נאכמיטאג און 6 נאכמיטאג א קאנצערט ביי **Chevy Court** (געפינט זיך נעבן טויער 1), און יעדן טאג 8 ביינאכט א קאנצערט ביי **Suburban Park** (געפינט זיך אויפן סוף פון מערב פון די פעיר-באדנ'ס, אינדרויסן פונעם מידוועי). אפדעיטס אויף קאנצער סקעדזשועלס קען מען באקומען אויפן פעיר'ס וועבזייט ביי די בלעטער וואס זענען געווידמעט צו Chevy Court און Suburban Park.

געגרינדעט אין 1841, זענען די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר פארשטעלונגען די בעסטע פון ניו יארק אגריקולטור, זיי שטעלן צו בעסערע אונטערהאלטונג, און איז א שליסל שטיקל פונעם סטעיט'ס CNY Rising סטראטעגיע פון פארברייטערן די צענטראל ניו יארק עקאנאמיע דורך טוריזם. עס איז די עלטסטע פעיר אין די פאראייניגטע שטאטן און ווערט נאכאנאנד אנערקענט אלס איינס פון די העכסטע פינף סטעיט פעירס אינעם לאנד.

די ניו יארק סטעיט פעיר שטח איז 375 אקער גרויס און איז פול מיט אויסשטעלונגען און אונטערהאלטונג וואס זענען אפן א גאנץ יאר. דער פובליקום ווערט געלאדנט צו לערנען מער איבער די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר אנליין, זעט בילדער אויף Flickr, און פאלגט נאך די פאן אויף Facebook, X און Instagram.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן